# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:16
מוצאי שב"ק...................5:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................איוב ל"ד-ל"ה
בבלי...........................נדה נ"ט
ירושלמי..............עירובין י"ז
תוספתא.................תמורה א'
רמב"ם...............מכירה ל'

פרשת וישב, כ"ג כסלו, מברכים חודש טבת שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 13 (427)

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### בַּאֲשֶׁר ה' אִתּוֹ וַאֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה ה' מַצְלִיחַ

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיינֶע חוֹבוֹת, עֶר וֶועט וֶוערְן רַייךְ. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קלז): עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי אִינְגֶעלַייט, זֵייעֶר נָאנְטֶע חֲבֵרִים, אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעזֶען אוֹיף זַיין חַבֵר אַז עֶר הָאט גֶעטוּן נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער חַבֵר הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשָׁאקֶלְט פוּן אִים אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צֶעטֵיילְט. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זֶעט עֶר וִוי דֶער חַבֵר הֵייבְּט אָן מַצְלִיחַ צוּ זַיין, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, פַארְוָואס גֵייט אִים אַזוֹי גוּט? עֶר אִיז מַצְלִיחַ, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶע עוֹשֶׁר', אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי עֶס שְׁטֵייעֶן אַ קוּפְּקֶע אוּן עֶס הֶערְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט אַ גֶערוּדֶער וִוי מֶען צֵיילְט גֶעלְט, אִיז עֶר אַהִין גֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי גֶעלְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט קוּמֶען נָאנְט הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, מֶען זָאגְט אִים: "רִיר נִישְׁט צוּ צוּ דִי גֶעלְט, דִי גֶעלְט בַּאלַאנְגְט פַאר דַיין אַלְטֶער חַבֵר", הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזוֹי פִיל גֶעלְט, אִיךְ הָאב דָאךְ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן וִוי עֶר טוּט אַן עֲבֵירָה?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי: "דַיין חַבֵר הָאט זִיךְ קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אָבֶּער דוּ לֶערְנְסְט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר גֶעבְּט מֶען פַאר דַיין חַבֵר גֶעלְט אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה וַוייל "מָעוֹת" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'אֵין עֲ'בֵירָה מְ'כַבָּה תּ'וֹרָה (סוֹטָה כא.), עֲבֵירָה לֶעשְׁט נִישְׁט אוֹיס תּוֹרָה", קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה דָארְט.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא אִיז אַן אַנְדֶערֶע טָאג. אַלֶע בְּרָכוֹת לִיגְט אִין דִי גְמָרָא; אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא הָאט מֶען פַּרְנָסָה, אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, אַלֶע יְשׁוּעוֹת לִיגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם – "זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי"; פְרֶעגְט מוֹהֲרַא"שׁ, וִוי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף תַּלְמוּד בַּבְלִי, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, אַז דָאס אִיז אַ טוּנְקֶלְקֵייט, אַ טוֹיטְקֵייט? זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ אַ שֵׁיינֶעם פְּשַׁט, אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאקְלָאגְט זִיךְ: "מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוּנְקֶל", "מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוֹיט", עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר דִיר, נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן לֶערְן דָאס, "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי" – דֶער לֶעבְּן אִיז דִיר פִינְסְטֶער, כְּמֵתֵי עוֹלָם – דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, אִיז דָא פַאר דִיר אַן עֵצָה, זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי – נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן לִיכְטִיג, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן לֶעבְּן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרֶער מַיין טֵייעֶרֶער חַבֵר, מַיין טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הֵייבּ אָן פוּן פְרִישׁ, הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, הֵייבּ אָן הַיינְט לֶערְנֶען גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט – זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וֶועלְן דִיר אוֹיפְלֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אַז מֶען זֶעט מַמָשׁ בְּחוּשׁ אַז דִי תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט מְחַיֶה מֵתִים זַיין; וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וֶוערְט מַמָשׁ תְּחִיַּת הַמֵתִים, דָאס לֶעבְּן טוֹישְׁט זִיךְ, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, מֶען הֵייבְּט אָן זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס וֶוערְט תְּחִיַּת הַמֵתִים מַמָשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִשְׁלַח תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָאמִיר צִינְדְען לִיכְטֶעלֶעךְ

וֶוען מִיר צִינְדֶען אָן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, לַייכְט דָאס אוֹיף אוּנְזֶער הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, מִיר דַארְפְן אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אוֹיפְצוּלַייכְטְן אוּן אוֹיפְצוּשַׁיינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז דָאס זָאל שׁוֹין אָנְהַאלְטְן אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

#### קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מִיט וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין דִי טֶעג, אִיז מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט פוּן אוּנְז, מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיי "עַל הַנִּסִים" דִי וֶוערְטֶער "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל", דִי טֶעג זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ לוֹיבְּן אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָאטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אָבֶּער דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה מֶער מְסוּגָל פַאר דֶעם.

אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס מֶען הָאט, דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוֹיף דִי פִילֶע טוֹבוֹת אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט בְּלִינְד דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶען דִי גוּטֶע חֲסָדִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וֶוען מֶען זִיצְט אָבֶּער בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, דַארְף מֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַז דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ נָאכְאַנַאנְד זָאלְסְטוּ אִים צוּרִיק גֶעבְּן נָאכְאַנַאנְד, פַאר יֶעדֶע פַּאטְשׁ וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט זָאלְסְטוּ צוּרִיק גֶעבְּן צְוֵויי פֶּעטְשׁ; לוֹיף אִין מִקְוֶה וֶועסְטוּ אִים בַּייקוּמֶען. רֶבִּי נָתָן הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: "וֶוער עֶס וֶועט גֵיין אִין מִקְוֶה וֶועט הָאבְּן אַ תִּקְוָה"; דֶערְפַאר, אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין מִקְוֶה וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז דָא אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "וָואס טוּט אַ אִיד אִין גָלוּת? וָואס טוּט אַ אִיד אִין גָלוּת? עֶר לוֹיפְט אִין מִקְוֶה אוּן לוֹיפְט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, דַאוֶונֶען".

אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ אָנְהַאלְטְן: "דַיין וִוילְן"; אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט וִוי מֶען שְׁטוּפְּט דִיר אַוֶועק פוּן אוֹיבְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זָאלְסְטוּ נָאךְ אַלְץ וֶועלְן, הָאפְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ זַיין אַ אִיד.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵצֵא תש"פ)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# וִוי קֶען מֶען זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט מְטַמֵא גֶעוֶועןְ אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער?!

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט צוּ פַאַרְשְׁטֵיין, וִוי קֶען מֶען זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אַזַא אֵיינֶעם וָואס הָאט מְטַמֵא גֶעוֶוען אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער?! עֶס אִיז אַ פֶּלֶא פַאַרְוָואס אַלֶע הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן מִיט אַייךְ וַוייל אִיר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר דִי פָּאלִיצֵיי וָואס יֶענֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן מֶען הָאט אִים גֶעלֵייגְט אִין תְּפִיסָה.

אִיר פוּן אֵייעֶר זַייט זָאלְט מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע; אַז זֵיי וִוילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייךְ וְכוּ׳ אִיז דָאס נִישְׁט אֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער אִיר פוּן אֵייעֶר זַייט זָאלְט וַוייטֶער רֶעדְן מִיט זֵיי אוֹיב זֵיי וִוילְן רֶעדְן מִיט אַייךְ.

אִיר הָאט נִישְׁט גוּט גֶעטוּן מִיטְ'ן זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען רֶעדְט מֶער נִישְׁט מִיט זֵיידִי אוּן בַּאבִּי, וַוייל דָאס אִיז אַ הִירוּס אִין חִינוּךְ; אִיר גֶעבְּט זֵיי אַ חִינוּךְ אַז זֵיי זָאלְן דָאס טוּן מִיט אַייךְ וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן. זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ אָנְזָאגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אָפְּצוּהַאקְן מִיט זֵיידִי בַּאבִּי - מִיט אַייךְ; זֶעטְס וִוי פְּרִיעֶר צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צוּמִישְׁט. מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער אַז מֶען הַאקְט אָפּ מִיט עֶלְטֶערְן - זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אוֹיב דִי עֶלְטֶערְן וִוילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייךְ אִיז דָא גֶענוּג וֶועגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַהִין גֵיין אָן דֶעם וָואס דִי קִינְדֶער זָאלְן כַאפְּן וָואס עֶס גֵייט פָּאר.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בִּפְרַט מִיט דִי עֵצָה פוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת וָואס וֶוער עֶס טוּט זֵיי קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז שִׁכְחָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כו): ״אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם״, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, ״אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה׳״, אָבֶער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין וַוייטֶער מִיט זַיין לֶעבְּן, נָאכְדֶעם וָואס עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן אַייךְ וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער אִין דִי יוּגְנְט; גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ זִיךְ אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פַאַרְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער. דָאס וֶועט מַאכְן עֶס זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן אַייךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ד) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): ״וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם״ אוּן דָאס הַרְגֶ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים לד, כב): ״תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה״, דִי עֲבֵירוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טוּעֶן אִים הַרְגֶ'נֶען; אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַאַרְצֵיילְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער. דֶערִיבֶּער, אַז אִיר וֶועט דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע אַייעֶרֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים וֶועט דָאס צוּשְׁטַייטְלִיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייךְ בִּיז אִיר וֶועט עֶס אִינְגַאנְצְן פַאַרְגֶעסְן, וָואס דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַייךְ מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעמֶען, וַוייל אִיר זֶענְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג, מֶען הָאט אַייךְ דָאךְ בַּאצְוואוּנְגֶען וְכוּ׳.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשע״ט)

>>>>>>

אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען אַז מֶען אִיז ב״ה גֶעזוּנְט, אַז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, אַז מֶען הָאט אוֹיגְן צוּ זֶען, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, צֵיינֶער צוּ עֶסְן, הֶענְט אָנְצוּכַאפְּן, אוּן פִיס צוּ גֵיין. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַז מֶען גֵייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט צִיצִית, מִיט אַ קַאפְּל, אַז מֶען הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, אַז מֶען לֵייגְט תְּפִלִין, אַז מֶען הִיט שַׁבָּת, אַז מֶען עֶסְט כָּשֵׁר'ס. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ דַאוֶונֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי לִיסְטֶע עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אִין דֶעם אַרַיין, זֶעט מֶען אַז דִי פִּילֶע גוּטְס וָואס מֶען הָאט, וֶועגְט גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט. אוּן דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ ״חֶרֶב פִּיפִיּוֹת״, אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן. פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ סַךְ מָאל אִיז דִי הַארְץ פַאַרְשְׁטָאפְּט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶער אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קוֹדֶם צוּ קוּקְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט שׁוֹין יָא, אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, דַאן זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין אַ סַךְ מָאל גֶעהָאלְפְן, אוּן דָאס עֶפֶענְט דִי הַארְץ צוּ בֶּעטְן אוֹיךְ דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער ״קְדוּשַׁת לֵוִי״ זי״ע אִיז מַסְבִּיר דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ז.) אַז אַ 'צַדִיק גָמוּר' אִיז 'צַדִיק וְטוֹב לוֹ', אוּן אַ 'צַדִיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז 'צַדִיק וְרַע לוֹ'. זָאגְט עֶר אַז אַ 'צַדִיק גָמוּר' פוּן אִים הֶערְט מֶען אֵייבִּיג נָאר אַז אִיז אִים גוּט אוּן פֵיין, עֶר אִיז אַ 'צַדִיק וְטוֹב לוֹ' עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט. אָבֶער אַ 'צַדִיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז אַ 'צַדִיק וְרַע לוֹ', מֶען הֶערְט אֵייבִּיג פוּן אִים וִוי שְׁלֶעכְט עֶס גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן, עֶר אִיז אַ 'צַדִיק וְרַע לוֹ', עֶר זֶעט נָאר דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט.

דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז עֶס נָאר דָא טֶבַע, נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט נָאר אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע מִקְרֶה אוּן מַזָל, עֶס גֶעשֶׁעט זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרַיין אִין דִי קְלִיפָּה פוּן דִי יְוָנִים, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן אִיז עֶר אוֹיף גֶעהַאקְטֶע צָרוֹת; יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן פַאַרְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ וֶוענְדְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים הֶעלְפְן.

יֶעצְט אָבֶער אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף אַ דֶערֶךְ הַטֶבַע, דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַ סַךְ וֵוייניגֶער אוּן אַ סַךְ שְׁוַואכֶער פוּן דִי יְוָנִים, וַוייל זֵיי הָאבְּן אָבֶער זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים. אוּן דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיךְ לֶערְנֶען אַז עֶס נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט דָאס, עֶפֶענְט מֶען אוֹיף דִי מוֹיל אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוּן מֶען בֶּעט אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער.

וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס צוּ טוּהן, וֶועט עֶר הָאבְּן דִי גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. עֶר וֶועט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

### הַאק נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן

וֶוען עֶס וֶוערְט טוּנְקְל אִין אַ צִימֶער וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ, וֶוערְט דָארְט אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה. אֵיינֶער זֶעט נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען הַאקְט אַרַיין אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן אוּן עֶס טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָב. אֵיינְמָאל עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִיז מַמָשׁ אַ מְחַי', מֶען זֶעט וואוּ יֶעדֶער שְׁטֵייט, אוּן דַאן קֶען יֶעדֶער גֵיין זַיין וֶועג אָן דַארְפְן שְׁטֶערְן אַ צְוֵוייטְן.

אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, וֶוען מֶען צִינְדְט אָן דִי לִיכְטֶעלֶעךְ פוּן דִי מְנוֹרָה, אוּן מִיר זֶענֶען נָאךְ פוּן דִי מְהַדְרִין מִן הַמְהַדְרִין אַז יֶעדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה, אוּן יֶעדֶע נַאכְט לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לִיכְטְל, דַארְף דָאס אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן אוֹיפְלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן זֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז דָא אַלֶע סָארְט פַאַרְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע גֶעפִילְן, אוּן מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן זִיךְ צוּ רֶעכְעֶנֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן, נִישְׁט אַרַיינְצוּהַאקְן אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר יֶעדֶער זָאל זִיךְ גֵיין זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג.

דִי חֲנוּכָּה לִיכְט צִינְדְט מֶען אָן ״עַד שֶׁתִּכְלֶה רֶגֶל מִן הַשּׁוּק״ בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת, דָאס אַרוּם טְרָאגְן פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן אָנְזֵייעֶן מַחְלוֹקֶת. חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, נָאר שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט מַאכְן ח״ו קַיין מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן אִידְן.

שָׁלוֹם הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קְרִיגְן מִיט זַיינֶע אַרוּמִיגֶע. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ אָבֶער פְרֵיילִיךְ, עֶר הַאלְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

חֲנוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אִיד, אוּן נִישְׁט זַיין פַאַרְמִישְׁט אִין קַיין שׁוּם סָארְט מַחְלוֹקֶת.

<<<<<<

>>>>>>

## וֶועקְט אַייךְ אוֹיף

וֶוען עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּב וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף. דָאס אִיז נָאךְ אַ זַאךְ צוּ וָואס חֲנוּכָּה אִיז מְסוּגָל, דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס דִי חֲנוּכָּה לִיכְט בְּרֶענְגֶען אַרַיין, וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף וָואס עֶר שְׁלָאפְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פַארְשְׁלָאפְן, וִוי אַ לְבָנָה קְרִיכֶער, אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפַּאצִירְט אַרוּם אִינְמִיטְן שְׁלָאף. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר גֵייט אָן אִין לֶעבְן, אָבֶּער זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז וַואךְ אָדֶער עֶר שְׁלָאפְט? וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אוֹיף, אוּן וֶוען עֶר רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן שְׁלָאפְט עֶר, זַיין מֹחַ אִיז פַארְשְׁלָאפְן.

וֶוען יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, טז) "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה". וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף? וֶוען מֶען קֶען זָאגְן מִיט אַ פוּל מוֹיל "אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה", מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען פִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, אוּן מֶען הוֹיבְּט צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

בַּיי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן זָאגְט רַשִׁ"י "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה", אַלֶע מְפוֹרְשִׁים מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דֶעם, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּהן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן?

אָבֶּער רַשִׁ"י אִיז דָא מְרַמֵּז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ "שֶׁלֹּא שִׁינָּה" - אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אַנְדֶערֶע אִידְן שְׁלָאפְן. מִיט דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדֶען הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיכְטִיגְקַייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאפְן, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי מַתָּנָה בַּאקוּמְט מֶען פוּן אַ צַדִיק, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וֶוערְט עֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מִשְׁנָה (תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א') "סְתָּם חֵרֵשׁ אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", אַז מֶען אִיז אַן "אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ" - מֶען הֶערְט נִישְׁט צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, דַאן אִיז מֶען אַן "אֵינוֹ מְדַבֵּר" - מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד דַארְף אוֹיפְזוּכְן אוּן טְרֶעפְן אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, וָואס קֶען אִים מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן, נָאר עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ג) אַז מָשִׁיחַ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיף דִי לָשׁוֹן פוּן 'מְשִׂיחַ' אִלְּמִים. מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד". בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ עִנְיְנֵי חֲנוּכָּה)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (נ)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין שְׁטָאט אִיסְטַאנְבּוּל, אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶס בְּרֶעכְט אוֹיס אַ מִלְחָמָה אוֹיפְ'ן יַם, אוּן דִי אִידִישֶׁע קְהִלָּה לָאזְט נִישְׁט קַיין אִידְן פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּלִיבּ דִי סַכָּנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער אַז עֶר אַלֵיין אִיז זִיךְ גְרֵייט מַפְקִיר צוּ זַיין אוּן פָארְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער בַּאגְלֵייטֶער וִויל קֶען עֶר צוּרִיק פָארְן אַהֵיים.**

ר' יִצְחָק הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אַהֵיימְפָארְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, "וואוּ דֶער רֶבִּי וֶועט זַיין, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ מִיטְגֵיין. זָאל עֶס זַיין צוּם לֶעבְּן אָדֶער צוּם טוֹיט - וֶועל אִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דָאךְ אָבֶּער דִי וֶועלְט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי גֶעפִירְט אַז נָאךְ אַ טָאג צְוֵויי הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַז עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אִיסְטַאנְבּוּל אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק פוּן יְרוּשָׁלַיִם, [דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן צַדִיק רֶבִּי יוֹם טוֹב אַלְגַזִי זי"ע, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "מַהֲרִי"ט אַלְגַזִי" אוֹיף הִלְכוֹת בְּכוֹרוֹת אוּן חַלָּה, וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אִין אַ כְּתַב יַד פוּן הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ן זי"ע. עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ זַאמְלֶען גֶעלְט פַאר דִי אָרֶעמֶע אִידְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן חֶבְרוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ הֵיילִיגֶער אוּן גֶעטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ. עֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל סוֹף יָאר תקנ"ח, אוּן עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אוּם ב' אָדָר ב' תקס"ב, וּמְנוּחָתוֹ כָּבוֹד אוֹיפְ'ן הַר הַזֵּיתִים], וָואס עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דֶעמָאלְט אִינְמִיטְן זַאמְלֶען גֶעלְט פַאר אָרֶעמֶעלַייט אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעפְּלַאנְט צוּ בְּלַייבְּן אִין חוּץ לָאָרֶץ פַאר נָאךְ אַ יָאר, אָבֶּער פְּלוּצְלִינְג הָאט אִיז עֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אִין אִיסְטַאנְבּוּל, "אִיר זָאלְט וִויסְן אַז סְ'אִיז מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן פוּן הִימְל אַז אִיךְ מוּז שׁוֹין צוּרִיק פָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם, וַוייל אִיךְ זֶע אַז עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ שׁוֹין דִי טֶעג צוּ מַיין פְּטִירָה. אָבֶּער אִיר דַארְפְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי פְרַאנְצוֹיזְן, אוּן אִיר דַארְפְט זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן אַז אִידְן זָאלְן נִישְׁט פָארְן יֶעצְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל סְ'וֶועט זֵיי זִיכֶער נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שָׁאדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי אָפְּהִיטְן אוֹיפְ'ן וֶועג בִּיז קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין אָנְגֶעשְׁרִיבְּן דִי פְּלַאץ וואוּ אִיךְ וֶועל בַּאעֶרְדִיגְט וֶוערְן אִין יְרוּשָׁלַיִם".

גְלַייךְ וֶוען זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעדִינְגֶען אַ גְרוֹיסֶע שִׁיף, אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן אַז וֶוער סְ'וִויל פָארְן מִיט דִי שִׁיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאל קוּמֶען. עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין פִילֶע אִידְן, מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, סַיי אַשְׁכְּנַזִ'ישֶׁע אוּן סַיי סְפַרְדִ'ישֶׁע, אוּן אוֹיךְ דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם שִׁיף צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם צַדִיק אַז עֶר זָאל אִים נֶעמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל נִישְׁט גֵיין קַיין צְפַת אוּן נִישְׁט קַיין טְבֶרְיָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



### וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן פַּאנִיק אַטַאקֶעס?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן חֶסֶד וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אַז מִיט גְרוֹיס הַשְׁגָחָה פְּרָטִית הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר מַמָּשׁ כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן נָאךְ אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים, אוּן דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן מִיר גֶעטוּישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, עֶטְלִיכֶע בְּלַאט גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נָאךְ שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר כְּסֵדֶר צוּ רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר הֶעלְפְן, מַיין וַוייבּ לַיידְט אַסַאךְ פוּן פַּאנִיק אַטַאקֶעס, זִי הָאט אַסַאךְ עֶנְקְזֵייעֶטִי אוּן פְּחָדִים, מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ עֵצוֹת אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי מִיר הֶערְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיר בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאבְּן מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען קַיין שִׁינּוּי לְטוֹבָה.

אִיךְ וֵוייס אַז מְ'טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מְ'דַארְף נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, אָבֶּער מַיין וַוייבּ ווִיל זֵייעֶר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל אוּנְז שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן צוּ קֶענֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע פְּחָדִים אוּן בִּלְבּוּלִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אֵייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער. ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ חַזֶר'ט זִיךְ אֱמוּנָה, עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה - אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַ רוּאִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן. וַוייל אֱמוּנָה מַאכְט שְׁטַארְק דִי נֶערְוְון; מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוּן מֶען לֶעבְּט רוּאִיג אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין קִינְד פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף זַיין טַאטֶע. ווִידֶער אוֹיבּ מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מֵיינְט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ אָן קַיין בַּעַל הַבַּיִת, זַאכְן פַּאסִירְן סְתָּם אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי עֶס פִירְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מִיט טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל - דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֵדֶר אוּן פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם.

אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע פְּחָדִים (עֶנְקְזֵייעֶטִי", פֶּענִי"ק עֶטֶעקְ"ס, וְכוּ') דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי וָואס הָאבְּן שְׁוַואכֶע נֶערְוְון, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אוּן גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה, וַוייל אָן אֱמוּנָה אִיז זֵייעֶר

<<<<<<

נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908




BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן. עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ קְרֶענְק וָואס קוּמְט נָאר צוּלִיבּ דֶעם וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה"; דִי אַלֶע יְסוּרֵי הַנֶפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם, אַלְץ קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה אוֹיף דֶעם הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה; פַארְלָאזְט אַייךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶועלְן צוּבִּיסְלֶעךְ אַוֶועק גֵיין אַלֶע פְּחָדִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן א): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד", וֶוער עֶס הָאט בִּטָחוֹן הָאט נִישְׁט קַיין פַּחַד פוּן קֵיינֶעם; מֶען לֶעבְּט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר; אִיךְ לִיג אִין זַיינֶע הֶענְט, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלא, ב): "כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי", אִיךְ בִּין וִוי אַ קִינְד וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דִי מַאמֶע, אָן קַיין שׁוּם דַאֲגוֹת אוּן אָן קַיין שׁוּם פְּחָדִים.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ דָא אַ תְּפִילָה וָואס אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג; אוֹיבּ אִיר וֶועט זָאגְן דִי תְּפִילָה יֶעדְן טָאג - לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל, וֶועט אִיר בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; אִיר וֶועט הָאבְּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון אוּן מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים וְכוּ'.

**"גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר; פַאר מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, פַאר מַיין טֵייעֶר לִיכְטִיג קִינְד אוּן פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּן מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט הַנָאָה פוּן מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְט אִיךְ וֵויין זֵייעֶר אַסַאךְ, עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין מִיר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן.**

**אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז דוּ הִיטְסְט מִיר, אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן דִיר שְׁפִּירְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, מַיין קָאפּ דְרֵייְדְט זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת. אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג נָאר שְׁלֶעכְטְס; מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר אַסַאךְ מָאל וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיינֶע נֶערְוְון פְּלַאצְן מִיר פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.**

**אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פַּאזֶעטִיוו, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן נָאר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר.**

**בַּאשֶׁעפֶער, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ וִוי מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ ווִיל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֵויס דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער.**

**דֶערְפַאר קוּם אִיךְ צוּ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר: הֶעלְף מִיר! הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָהוֹת הַקְדוֹשׁוֹת שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל אוּן לֵאָה, אוּן בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן בִּזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".**

אִיר זָאלְט זָאגְן דִי תְּפִילָה נִישְׁט אֵיין מָאל אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל - נָאר יֶעדֶעס מָאל אִיר שְׁפִּירְט וִוי אַייעֶרֶע מַחְשָׁבוֹת קוּמֶען צוּ לוֹיפְן אוּן שְׁטוּרֶעמֶען אֵייעֶר קָאפּ, אִיר שְׁפִּירְט וִוי אֵייעֶר קָאפּ דְרֵייט זִיךְ מִיט אַלֶע נֶעגַאטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת, זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי תְּפִילָה אוּן דָאס זָאגְן אוֹיפְ'ן קוֹל, וֶועט אִיר זֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וִוי עֶס וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט**
**הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשׁ"פ)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳
## התרגשות שטייגט צום
## "שבת התוועדות - סיום הש"ס"

שטייענדיג בלויז צוויי וואכן צום גרויסארטיגן "שבת התוועדות - סיום הש"ס", דעם קומענדיגן שבת קודש פרשת ויגש הבעל"ט, שטייגט די התרגשות ביי אנשי שלומינו צו דעם גרויסן געהויבענעם שבת מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, ווען מ'וועט זיך אינאיינעם פרייען אויף די גרויסע שמחה אז מ'האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס, און צו די זעלבע צייט זיך גלייך אנגארטלן און אנהויבן פון פריש צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, און נאכאמאל מסיים זיין ש"ס.

יעדן אינדערפרי לערנט דער ראש ישיבה שליט"א פאר א בלאט גמרא בבלי און א בלאט גמרא ירושלמי, פילע אנשי שלומינו האלטן מיט דעם טעגליכן שיעור, אבער דער ראש ישיבה שליט"א איז כסדר מעורר אז אפילו אויב מ'קומט נישט אן צו לערנען די גמרא מיט א שיעור, זאל מען כאטש זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא, אז ס'זאל נישט דורכגיין אפילו נאר איין טאג אן לערנען א בלאט גמרא.

ביי יעדן אינגערמאן מאנשי שלומינו איז א פשוטע זאך אז איינע פון די ערשטע שיעורים איז צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא. מוהרא"ש פלעגט כסדר נאכזאגן פון ספר ווי העמודים אז "א בלאט גמרא א טאג איז א חיוב אויף א מענטש ווי הנחת תפילין". איי דו האסט נישט קיין קאפ? דו האסט טירדות? דיין חבורתא קומט נישט? נעם דיר דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן און זאג די הייליגע ווערטער פון די גמרא, אזוי וועסטו זוכה זיין צו ענדיגן גאנץ ש"ס און גלייכצייטיג דורכגיין כל התורה כולה.

פאר זיבן יאר צוריק זענען געווען פילע אינגעלייט און בחורים וואס האבן זיך צוגעהערט וואס מוהרא"ש זאגט, און טאג איין טאג אויס האבן זיי זיך נישט געלייגט שלאפן איידערן לערנען א בלאט גמרא. יעצט נאכ'ן הארעווען זיבן יאר, הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, וועלן זיי יעצט זוכה זיין זיך צו פרייען מיט דעם גרויסן שמחת התורה, צו ענדיגן כל הש"ס כולה.

צו דעם גרויסן געלעגנהייט האט מען אפגעדינגען דעם גאנצן קראון פלאזא האטעל מיט אלע צימערן, וואו אלע תלמידי היכל הקודש וועלן ארויסקומען מיט זייערע משפחות און פארברענגען דעם גאנצן שבת קודש מיט א רייכער פראגראם. די אלע וואס האבן שוין מיטגעהאלטן אמאל א שבת התוועדות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, ווייסן די געשמאק דערפון; אזא הערליכע שבת איז ממש מעין עולם הבא.

געציילטע צימערן זענען נאך עוועליבעל, און ווער ס'האט זיך נאכנישט געמאלדן ווערט געבעטן צו רעזערווירן א צימער ווי שנעלער, ביי די חשובע אינגעלייט וואס געבן זיך אפ מיט די הכנות צו דעם געהויבענעם שבת, וכל הקודם זכה.

**בארא פארק** - ר׳ אלי׳ קנאלל 718-506-4341. **וויליאמסבורג** - ר׳ ליפא שווארץ 917-541-1197. **מאנסי** - ר׳ ברוך יאקאבאוויטש 917-789-3095. **קרית יואל** - ר׳ יואל שניטצלער 845-248-8044.

**השבת נועם הנשמות!**


**פארזיכערט אייער פלאץ ביים**
**געהויבענעם שבת סיום הש"ס**
**דעם קומענדיגן שב"ק ויגש תש"פ**
**קראון פלאזא האטעל, רופט שוין**
**917-541-1197**


**על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון**

**מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו**
**לע"נ זקינתו הרבנית הצדיקת מקארסלבורג**
**חיה רעכיל ב"ר חיים מנחם הכהן ע"ה**
**ולרגל יום הצלה והשחרור של רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל**


## חיזוק פאר פרויען

ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה מיט די קינדער, מיט'ן מאן, מיט די שטוב ווירטשאפט, די טאג טעגליכער פראבלעמען, און מיט זיך אליין? הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא אויף:

**קוואל פון חיזוק**
**212-444-9169**
**2, 3, 1, 39**

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

אין מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**